בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פּאַראַיינגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות

פ' כי תצא תש"פ
Vol. 17-A

United Jewish Community of Blooming Grove
Est. 2019

**זמנים**
**כי תצא**
הדלקת הנרות
**7:20**
סו"ז קריאת שמע
**9:02**
זמן מוצש"ק
**8:46**

חדש עלינו שנה טובה

# תש"פ א פולע יאר פון פעולות אין א אחדות'דיגע אטמאספערע אין בלומינגראוו מיטן ציל צו אויפטוהן אינאיינעם למען הכלל והפרט מיטן אנטשטייאונג פונעם י.ז.שעי.סי. קערפערשאפט

5

עדיטאריעל

## בכוחו וזכותו של אותו זקן!

שטייענדיג נאך די גרויסע יומא דהילולא קדישא פון אבינו רועינו רביה"ק זי"ע, דעם פארלאפענעם כ"ו אב הבעל"ט, ווען מיר תושבי שכונת בלומינגראוו המעטירה, **פארמאגן די זכי' צו זיין סמוך ונראה, ווי אַן עצם מעצמה פון דעם רבי'נס שטעטל, קרית יואל,** וואס איז בשעתו אויפגעשטעלט געווארן מיט מסירת נפש דורך דעם רעיא מהימנא קדישא לנו ולזרעינו עד ביאת הגואל.

"חבה יתירה נודעת לנו", צו **אונזער הייליגע געגנט "בלומינגראוו", וואס האט ווירקליך די זכי' צו ממשיך זיין ארגינעל דעם רבי'נס הייליגע רצון,** וואס ער האט געוואלט און געשטרעבט בערוב ימיו, צו גרונדן און מכונן זיין א קריה נאמנה, א מקום מנוחה, וואס זאל דינען אלס א הייליג רואיג ווינקל וואו אידן זאלן קענען דינען השי"ת און מחנך זיין די קינדער מיט א הרחבת הדעת, ריין פון אלע שטאטישע איבלען און פראבלעמען און אפגעזינדערט פון די גוי'אישע און פרעמדע גאס, ביז משיח'ס טאג.

מיט זיינע שוואכע כוחות האט דער רעיא מהימנא קדישא אריינגעלייגט אַן אויסטערלישע יגיעה צושטאנד צו ברענגען מכח אל הפועל משאת נפשו הטהורה צו אויפבויען א שטעטל פאר עדת צאן מרעיתו, ווי באקאנט די מורא'דיגע לשונות וואס דער רבי האט דעמאלט געלאזט פאלן, איבער זיין רצון צו האבן אן אייגענעם שטעטל און איבער זיין הכרת הטוב פאר יעדן איד וועלכע האט געהאלפן צו פארווירקליכן זיין הייליגן ווילן מיט אזויפיל מיה און פלאג.

ווי וואונדערליך איז דעריבער, שטייענדיג מיט אזויפיל יאר נאך דעם רבי'נס הסתלקות, צו מיטהאלטן פון דער נאנט וויאזוי **אונזער באליבטע שטעטעלע בלומינגראוו בויעט זיך אזוי פרעכטיג, טאקע ווי די ארגינעלע "קרית יואל" בימים ההם,** מיט פריוואטע לופטיגע דירות, גרויסע שטחים ארום יעדע הויז, און א היימישע, רואיגע אטמאספערע פון הרחבת הדעת און לויטערקייט, וואס **מען קען טאפן אין דער לופטן, וואס עס איז אן קיין צווייפל אלעם בכוחו ובזכותו של אותו זקן.**

מערקווירדיג וואס עס ווערט פארציילט אין ספר "רצון צדיק" אז ווען דער רבי איז אמאל פארביי געפארן אויפ'ן וועג אין אפסטעיט ניו יארק, א רייע פון אפגעזונדערטע הייזער איינס פונעם אנדערן, וועלכע געפינען זיך ארומגענומען מיט גרויסע שטחים פון גראז און ביימער, האט דער רבי זיך אויסגעדרוקט מיט התפעלות אז אזוי וואלט ער געשטרעבט צו וואוינען, אפגעזונדערט און דערווייטערט פון די רוישיגע שטאטישע גאסן, און ווייט פון דעם טומל און די איבלען וואס דאס ברענגט מיט זיך מיט.

אט דערפאר האט דער רבי אזוי געשטרעבט בשארית כוחותיו צו מייסד זיין "אן אייגן שטעטל", אז אידן זאלן וואוינען אויסגעשפרייט, במנוחה, און פאר צוגענליכע פרייזן, כדי צו קענען ערציען די לעכטיגע דורות מיט א ישוב הדעת, מיט א הרחבת הנפש, און מיט א באשיידנקייט, "מה טובו אוהליך יעקב - שאין פתחיהם מכוונין זה כנגד זה".

ומעשי אבות סימן לבנים! דאס איז טאקע די סייעתא דשמיא וואס באגלייט אונזער געגנט בלומינגראוו, וואו עס ווערט ב"ה ערפילט און פארווירקליכט משאת נפשו הטהורה מיט'ן גאנצן שיינקייט און שלימות. ווי עס זאגן עס **עדות מערערע חשוב'ע עלטערע אנ"ש ותושבי קרית יואל מתחלת התייסדותה, אז דאס צופרידענע און רואיגע לעבנסשטייגער אויף די בלומינגראוווער געסאלעך, דערמאנט זייער שטארק די נעימות'דיגע "בראשית יארן" פון קרית יואל, עס ברענגט ארויף די זיסע זכרונות וויאזוי דער רבי האט געוואלט אז זיין ציבור זאל וואוינען, איש תחת גפנו ותחת תאנתו, רואיג, ביליג, היימיש און ערליך.**

★ ★ ★

מה נעים ומה מתוק לחיך, ווי ריכטיג און ווי פאסיג איז צו ערוועגען די ווערטער וואס עס האט משמיע געווען **כ"ק אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א** ביי דעם אומפארגעסליכן מעמד "להקהל ולעמוד", דעם פארלאפענעם מוצש"ק תשא העעל"ט, בהתאסף ראשי עם כל קהלות הקדושות תושבי בלומינגראוו כאיש אחד בלב אחד, ווען דער צאנז זמיגראדער רבי שליט"א האט ארויסגעברענגט אט די נקודה, אז אונזער הערליכע געגנט איז למעשה די המשכה וואס טוט פארווירקליכן דעם רבי'נס הייליגע רצון, צו אויפשטעלן אן ערליך שטעטל, על דרך ישראל סבא, עד ביאת הגואל.

צווישן אנדערע האט כ"ק אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א דאן געזאגט: "מען זעהט אין די וואך 'ומשה יקח את האהל ונטה לו אל מחוץ למחנה'. דער רבי ז"ל האט געזען אז ס'איז א צורך אז כלל ישראל זאל זיך האלטן, דארף זיין אין א שטעטל אויסער די שטאט, מען זאל זיין אפגעזינדערט, מען זאל נישט זעהן קיין גוי פאר די אויגן.

**"ב"ה קרית יואל האט זיך צעשפרייט און מען ציעט זיך ארויס אין דער שכינות פון קרית יואל, סמוך ונראה דארט וואו דער רבי ז"ל ליגט. עס האט זיך געמאכט דא אין 'בלומינגראוו' א שטעטל, עס האבן זיך אריינגעצויגן הונדערטער היימישע אינגעלייט... אז קרית יואל פארשפרייט זיך, דאס איז געווען דער רצון פון רבי'ן ז"ל. מען זאל וויסן אז מיט דעם וואס מען מאכט א אידישע שטעטל, דאס איז דער רצון פון רבי'ן, דאס וועט זיין מחובר צו קרית יואל, וכל המחובר לטהור טהור, עס וועט זיין די זעלבע ווי קרית יואל".**

★ ★ ★

ממקומו הוא יפן ברחמים! אין א צייט פון א יומא דהילולא קדישא, זענען דאך צדיקים משפיע מגנזי מרומים ישועות און השפעות, איבערהויפט אויף די ענינים וואס זיי האבן עוסק געווען בחיים חיותם. איז דאך קיין ספק נישט אז דער הייליגער רבי ממכון שבתו וועט מליץ טוב זיין פאר אונז אלע און פאר דעם עתיד און קיום פון דעם הייליגן געגנט און אלע אירע איינוואוינער- וואס איז למעשה געווען פון זיינע לעצטע פעולות אויף דעם עולם השפל צו אויפשטעלן "דעם שטעטל" להחיות לכם לפליטה גדולה.

קוקן אידן טאקע ארויס אז "רחמנא אידכר לן זכותיה דרבינו הקדוש זי"ע" , אז מיר זאלן טאקע קענען ווייטער אנגיין מיט דעם שפרידלדיגן אידישן לעבנסשטייגער ולהרחיב גבולי הקדושה, מיר זאלן קענען ווייטער אויפשטעלן אידישע שטובער אָן קיין שטערונגען פון בייזוויליגע עלעמענטן און מיר זאלן ווייטער קענען דא מגדל זיין דורות ישרים ומבורכים מיט א מנוחת הנפש, אויף דעם זעלבן וועג וויאזוי ער האט געשטרעבט און וויאזוי ער האט אונז געלערנט, ולאורו נסע ונלך עד כי לבדו ימלוך מלך, אמן.

# יומא דהילולא קדישא כ"ו אב אָפּגעראָכטן געוואָרן מיט געהויבנקייט אין בלומינגראוו דעם פארלאפענעם מוצאי שבת פ' ראה

## סעודת מלוה דמלכה וסעודת הילולא אפגעהאלטן געווארן אין אלע גרעסערע בתי מדרשים אין שטאט, אפגעהאלטן מיט התרוממות הנפש מיט זכרונות וסיפורים ועובדות צדיק מה פעל, לשנן משנתו הברורה זיך צו האלטן פעלזן פעסט אין זיינע הייליגע דרכים, וזכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל

ביהמ"ד אמרי פנחס

# קאריץ

בלומינגראוו יע"א

בנשיאות הגה"צ רבי מאיר בערקאוויטש שליט"א

## שישו ושמחו בשמחת התורה

ברגשי שמחה, והודאה, להשי"ת, שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה לברך על גומרה של תורה

הננו מזמנים בזה את מע"כ שיחיו לבוא ולשמוח אתנו בשמחת התורה, אצל החגיגה הנהדרה

# הכנסת ספר תורה

שנכתבה בשבת אחים גם יחד ע"י

## מתפללי בית מדרשינו שיחיו

שיתקיים אי"ה ברוב פאר והדר לכבודה של תורה

## ביום א' פ' כי תבא

י' אלול תש"פ לפ"ק הבעל"ט

יומא דהילולא קדישא של קודש הקדשים

מרן רבינו פנחס ב"ר אברהם אבא זצוקללה"ה מקאריץ

**כתיבת האותיות משעה 2:00 עד 4:00**

בבית הרבני הנגיד

מו"ה **יוסף ברוך רייך** נ"י

**21 Houston Avenue, Blooming Grove NY**

**הס"ת תצא בשירה וזמרה בתופים ובמחולות**

**בשעה 5:00**

ובשמחות וגיל תבואינה בהיכל מלך

## להיכל בית מדרשינו

**20 Dallas Drive**

ובכן הבוא נבוא כולנו, באי בית מדרשינו ותושבי עירינו יחד לשוש ולשמוח בשמחת התורה, ולתת יקר וגדולה לכבוד התורה ונותנה יתברך שמו

**סעודת מצוה לגמרה של תורה**

**באולם קרן ויואל משה**

**55 Forest Rd, Monroe NY**

המצפים לקראת בואכם לשלום מתוך שמחת התורה

## וועד לכתיבת ספר תורה

בית המדרש אמרי פנחס קאריץ

שישו ושמחו בשמחת תורה

# פייערליכע הכנסת ספר תורה אין בלומינגראוו צום ביהמ״ד אמרי פנחס קאריץ קומענדיגען זונטאג

## ועתה כתבו לכם את השירה הזאת: ספר תורה געשריבן דורך די מתפללי בית המדרש וועט ארויסגעפירט ווערן מיט פייערדיגע שמחת התורה ברחובה של עיר בתופים ובמחולות

**די ספר תורה וועט ארויסגעפירט ווערן פון שטוב פון מוה״ר יוסף ברוך רייך הי״ו אויף די יוסטען גאס, אראפ דאללאס דרייוו ביז צום ביהמ״ד קאריץ, וואו המוני תושבי העיר וועלן זיך מיטפרייען מיט די געהויבענע שמחה, באזונדערע פראגראם וועט זיין צוגעשטעלט פאר די הונדערטער צאן קדשים וואס וועלן טאנצן מיט פאקלען און די הענט אינטער די הדרכה פון חשוב׳ע מלמדים**









# תש"פ א פולע יאר פון פעולות אין א אחדות'דיגע אטמאספערע אין בלומינגראוו מיטן ציל צו אויפטוהן אינאיינעם למען הכלל והפרט מיטן אנטשטייאונג פונעם יו.זשעי.סי. קערפערשאפט

עס גלויבט זיך שווער אבער אין די יעצטיגע אלול תקופה ווערט ווירקליך אפגעצייכט א גאנץ קיילעכיג יאר זינט די געבענטשטע ענטשטייאונג און גרינדונג פון די "פאראייניגטע אידישע קאמיוניטי", די פאראיין וואס האט זינט דאן געשאפן היסטאריע און געטוישט די מאפע פון די היימישע בלומינגראוו צום גוטן, כה יתן ה' וכה יוסיף.

ביז פאראיאר אין דער צייט, איז אונזער באליבטע בלומינגראוו געווען א געגנט פון אסאך "יחידים", אָן קיין כח המאחד וואס זאל פארטרעטן די געברויכן פון יעדן אינדעווידואל, אָן קיין ארגאניזאציע וואס זאל זיין בייהילפיג פאר יעדן איינוואוינער ווען עס פאדערט זיך, אָן קיין פאראיין וואס זאל זיך דורכקומען מיט די באהערדע ווען נויטיג, און אָן די פאראייניגטע קערפערשאפט וואס זאל שטענדיג זיין גרייט, מוכן ומזומן, מיט הארץ און מיט די ריכטיגע שריט, צו טון אלעס אויף דער וועלט לטובת הציבור.

אויב האט פאסירט סיי וועלכע שוועריגקייט; מען האט זיך אנגעשטויסן אין לעגאלע פראבלעמען; מען האט ערהאלטן אן אומבארעכטיגטע "ווייעלעישאן", מען האט געהאט א פראבלעם מיט די טראנספארטאציע צו די מוסדות אין קרית יואל, א.א.וו. איז נישט געווען גענוי צו וועמען זיך צו ווענדן.

יעדער יחיד האט פרובירט דאס בעסטע לויט זיינע באגרעניצטע מעגליכקייטן און געוויס האבן גוטהארציגע שכינים זיך פרובירט צו ארויסהעלפן איינער דעם אנדערן, אבער ס'איז פארט קענטיג געווען דער חלל פון א פאראייניגטע ארגאניזאציע וואס זאל זיין געווידמעט פאר דעם איינציגן ציל, צו מאחד זיין דאס בלומינגראווער אידנטום אונטער איין שירעם פון אחדות און שטאנדהאפטיגקייט.

אבער דאס האט זיך ב"ה געטוישט צום גוטן, מיט איין יאר צוריק, ווען בלומיגראוו האט זיך אזוי הערליך פאראייניגט אלס א "כח הרבים", וואו יעדער "יחיד" איז א גלייכער טייל אין דעם געבענטשן "רבים", א פאראייניגטע כח הרבים וואס האבן






אינאיינעם מטכס עצה געווען בדעת אחת אהערצושטעלן און צו "ערוועלן" קאנדידאטן וואס זאל זיי פארטרעטן איגערהאלב דעם הערליכן און נאבעלן ארגאניזאציע, מיט די באגלייטונג פון די חשוב'ע רבני העיר שליט"א.

איין יאר איז טאקע א קורצע צייט, אבער ווען מען באטראכט די פילזייטיגע פעולות לטובה וואס איז שוין אונטערגענומען געווארן דורך דעם באורד אין אט די קורצע צייט, קומט אויף אן אמת צום שטוינען. און אייגנטליך איז עס גאר קיין וואונדער נישט, ווייל די צענטראלע און איינציגע מטרה פון די קאמיטע איז פאקטיש געווען און פארבליבן בלויז איין מיסיע: "יעדער איד אין בלומינגראוו זאל וויסן אז ער ווערט יושר'דיג פארטרעטן דורך די שלוחי הציבור און ווען ער האט סיי וועלכע פראבלעם איז דא אן אדרעס וואס איז אים גרייט צו העלפן".

אט דערפאר זיצן די געטרייע שלוחי הציבור טאקע כסדר אויף אסיפות און מען ווענדט אן אלעס אויף דער וועלט צו ערפילן די הצטרכות'ן פונעם ציבור אויפ'ן בעסטן און שענסטן פארנעם. און אלעס מיט א כובד ראש און אן איידלקייט צו זיין איבערגעגעבענע שלוחים פאר יעדן פריוואטן איינוואוינער און פאר'ן גאנצן כלל.

און בלומינגראווער אידן שפירט עס זייער גוט. מען ווייסט אז ס'איז שוין דא צו ווענדן צו רעדן, ס'איז שוין דא ווער עס איז גרייט צו שתדל'ן און עוסק זיין בצרכי ציבור להנאתם וטובתם, און ס'איז דא א פאראיין וואס טוט פארטרעטן און רעפרעזענטירן דעם כח היחיד פונקט ווי דעם כח הרבים, ותפץ ה' בידם, בידינו, הצליח למעלה מן המשוער.

לאמיר אלזא כאפן א שטיקל בליק טון אויף צוריק, און זיך דערמאנען כאטש א טייל פון די געבענטשטע אקטיוויטעטן, וועלכע האבן אלע אינאיינעם פארמירט א נייע צוקונפט פאר אונזער געגנט, מיט נאך א מער לעכטיגן עתיד, ברוב סייעתא דשמיא ועזר ממעל, מחיל אל חיל.

## פאַרקינג ביי בתי מדרשים און ביי שמחות

דער געזעץ וואס ערלויבט נישט צו פארקירן אויף די ראודס דורכאויס די ווינטער חדשים, איז אן אנגענומענע איינפיר אין מערסטנס ווילעדזשעס לענגאויס דעם אפסטעיט ראיאן, אבער פאר אונז אידן טוט עס צומאל עפעקטירן אויף ווען מען דארף גיין אין בית המדרש "כאפן א מנחה מעריב", אדער ווען עס קומט אויס צו זיך באטייליגן ביי א שמחה, ווען מערערע קארס קומען אן אויף איינמאל און מען איז געצוואונגען צו פארקירן אויפ'ן ראוד.

שטילערהייט, אָן קיין איבעריגע גערידער, האט די געטרייע קאמיטע אינטערווענירט און ב"ה מצליח געווען צו באקומען אן אפיציעלע ערלויבעניש פון די באאמטע אז אידן וואס קומען דאווענען אין בית המדרש, זאלן יא קענען פארקירן די קארס אויף די באשטימטע ערטער, אפילו אויף די ווילעדזש ראודס, מיט א ספעציעלע "פארקינג מאפע" געאייגנט פאר די קביעות'דיגע בתי מדרשים.

דאס זעלבע איז באשטימט געווארן אז בשעת מען פראוועט סיי וועלכע צוזאמקום, שמחה, מסיבה, א.ד.ג. ברויך מען בלויז ארייגעבן א נאטיץ בעפאר די שמחה און עס וועט ערלויבט ווערן צו פארקירן אויפ'ן ראוד בשעת די שמחה. אַן אויפטוו וואס האט ב"ה שוין פאַרשפאָרט אסאך אידיש געלט און עגמת נפש.


בס"ד

אשריכם שלכך נבחרתם!

ברכת מזל ורכה

פאר די חשוב'ע עסקנים אנשי שם, אישי הציבור

**וואס זענען ערוועלט געווארן**
**דורך א ריזן ציבור תושבי העיר**

צו דינען אלס פארטרעטערס פאר די אידישע געמיינדע
פון אלע בתי מדרשים און געגנטער אין בלומינגראוו

מו"ה **יואל שטערן** הי"ו מו"ה **יצחק עקשטיין** הי"ו
מו"ה **הערשל לעווי** הי"ו מו"ה **יושע אלימלך ביטמאן** הי"ו
מו"ה **מרדכי לייב האלצער** הי"ו מו"ה **חיים גליק** הי"ו
מו"ה **משה האלפערן** הי"ו מו"ה **אברהם משה ווייס** הי"ו
מו"ה **דוד קרויס** הי"ו

מיר רופן אויס אונזער הארציגע וואונטש:
**יהי רצון שתשרה שכינה במעשי ידיכם, ובכל אשר תפנו תשכילו ותצליחו!**

✦ ✦ ✦

מזל טוב בלומינגראוו

נאך די העכסט געלונגענע וואלן וואס איז אפגעהאלטן געווארן
צו ערוועלן א פאראייניגטע קאמיוניטי באורד, טוט זיך הילכיג אויסשרייען

**אחדות האט געזיגט!**

**ובשם ה' נעשה ונצליח!**

## "היילף" שבת ווי"ט קארס

פון די ערשטע נאבעלע שריט דורך די דעמאלטיגע ניי - געגרונדעטע קאמיטע געדענקט זיך גוט דאס צושטעלן במשך די ימים טובים תשרי תש"פ העעל"ט, די "היילף" שבת קארס, וואס איז ארומגעפארן אלע גאסן דורכאויס די שעות פונעם יום טוב צו ארויסהעלפן אידישע פאמיליעס מיט אלעס וואס נויטיג זיך.

דער פראיעקט איז בשעתו טאקע שטארק באגריסט געווארן דורך איינוואוינער, און מען קוקט טאקע ארויס ווייטער צו געניסן פון דעם איינשטעל, וואס איז געקומען צו א צייטווייליגע אפשטעל, אין ליכט פון דעם ווירוס קריזיס, און וועט בעז"ה באנייט ווערן אין דער נאנטער צוקונפט.



## פאָזיטיווע באציאונגען מיט לאקאלע אינסטאנצן

פון די שענסטע און מערסט עפעקטיווע שריט דורך די געטרייע קאמיטע מיטגלידער פון דער ערשטער מינוט, איז געווען דאס אנקניפן גוטע באציאונגען מיט די לאקאלע אגענטורן פון די לאו אינפארסמענט און פייער דעפארטמענט, אז זיי זאלן פארשטיין די אייגנארטיגע געברויכן פון די אידישע איינוואוינער און האבן א פאזיטיווע קאמיוניקאציע מיט די שתדלני הציבור צו יעדער צייט.

ב"ה אז מען האט טאקע באוויזן צו אנקניפן א העכסט אויסגעצייכנטע באציאונגען מיט אלע לאקאלע אגענטורן, ווען דורכאויס דאס פארלאפענע יאר איז מען אומצאליגע מאל געזיצן אויף מיטינגען מיט'ן שעף פון די לאקאלע בלומינגראוו פאליציי, מיט די סטעיט פאליציי און שעריף באאמטע, און מיט די פייער דערפארטמענט אפישלס, צו אויסשמועסן אלע זיכערהייט געברויכן פאר'ן היימישן ציבור אויפ'ן בעסטן און רואיגסטן פארנעם.

איבערהויפט ווערט אפגעהאלטן רעגלמעסיגע זיצונגען איידער יעדע סעזאן, און איידער די גרעסערע ימים טובים אדער פארזאמלונגען דא אין געגנט, וואו עס ווערט דעבאטירט און ארויפגעברענגט אלע אונזערע אונזערע געברויכן און פארלאנגען צו פארמיידן אומאנגענעמליכקייטן פאר תושבי השכונה און פארזיכערן אז אלעס פארט געלאסן על מי מנוחות.

די געבענטשטע צוזאמענארבעט מיט די לאקאלע אגענטורן איז טאקע קענטיג אויף יעדן ווינקל, ווען אנדערש ווי ביז נישט לאנג צוריק, האט מען ב"ה אַן אוזן קושבת ביי יעדע געלעגנהייט, ווען זיי פארשטייען די געברויכן פון אונזער געמיינדע און פרובירן צו זיין בייהילפיג פאר די איינוואוינער מיט א פריינטליכקייט.

צ.ב.ש. נאך די שוידערליכע "דזשערסי סיטי" טראגעדיע האט דער באורד פארזיכערט מיט די אינסטאנצן אז עס זאל זיין א שטארקע פאליציי אנוועזנהייט אויף די גאסן און ארום די בתי מדרשים פון דער געגנט. אויך דעם פארלאפענעם פורים העעל"ט האט די פאליציי מער קורסירט ארום די גאסן צו פארמיידן עגמת נפש, דאס זעלבע האט מען אויפגענומען הר"ר יצחק בערנאטה הי"ו, אלס דער היימישער ליעזאן צו די "בלומינגראוו פייער דעפארטמענט". און אזוי אויך דורכאויס דאס גאנצע יאר, ווען אימער עס האט זיך אויסגעפעלט סיי וועלכע פארשטענדעניש מיט די פאליציי אדער פאליציי דערפארטמענט האט מען דאס ב"ה עררייכט אויף א לייכטן און געמיטליכן פארנעם.




## אריבער טויזנט רעפלעקטארס פארטיילט

אויפ'ן פארלאנג פון די געטרייע "חברה הצלה" קאארדינעטארס אז די היזיגע גאסן זענען זייער געדרייט און טונקל, און אינמיטן דער נאכט איז זייער שווער צו באמערקן פיסגייער וואס קען גורם זיין סכנות נפשות ר"ל, האט די באורד זיך אריינגעווארפן אין דעם היניזכט לטובת הציבור, און אונטערגענומען דעם וויכטיגן "רעפלעקטער ונשמרתם דרייוו", ווען מען האט פארטיילט א ריזיגע קוואנטום פון אריבער טויזנט גאר גוטע דויערהאפטיגע קוואליטעט רעפלעקטארס, וואס איז אראפגעלייגט געווארן געגנצליך בחנם אין אלע גרעסערע בתי מדרשים.

## אנולירט ווייעלעישאנס קעגן 'שווים באסיין' מחיצות

בחסדי השי"ת האט די "יו. דזשעי. סי." אויך באוויזן צו אנולירן די 'ווייאלעישאנס' וואס איז אומ'יושר'דיג ארויפגעשטעלט געווארן קעגן אידישע איינוואוינער פאר'ן בויען מחיצות ארום די שווים - באסיינען. אדאנק די ריכטיגע פעולות דורך אדוואקאטן איז דאס אלעס צושטאנד געקומען און אידן האבן נישט שאדן געהאט צוליב די אומזיניגע געלט שטראפן וואס איז געטריבן געווארן פון שנאת ישראל.



WHITEMAN OSTERMAN & HANNA LLP

Attorneys at Law
www.woh.com

One Commerce Plaza
Albany, New York 12260
518.487.7600 phone
518.487.7777 fax

Robert S. Rosborough IV
Partner
518.487.7608 phone
rrosborough@woh.com

August 1, 2019

**VIA EMAIL**

Village of South Blooming Grove Board of Trustees
811 Route 208
Monroe, New York 10950

**Re: Village of South Blooming Grove Fence Law**

Dear Mayor LoFranco and Village Trustees:

My firm has been retained to represent a group of Hasidic residents in the Village of South Blooming Grove with respect the Village's discriminatory enforcement of Section 235-17 (C) of the Village's Zoning Code (the "Fence Law"). It has come to our attention that the Village has been selectively enforcing the Fence Law against residents of the Hasidic Jewish faith, which has placed a substantial burden on these residents' free exercise of religion. These discriminatory practices must cease, or my clients will be forced to seek to vindicate their rights against the Village in federal court.

As just one example of many, pursuant to Jewish Law, one must dress modestly with clothing covering the body including the upper arms and upper legs. A copy of a Rabbinical Court opinion to that effect is enclosed for your review. It is permissible, however, to wear more revealing clothing while swimming for bathing. The Hasidic Jewish faith only permits swimming with the same gender and only when there is a sufficient barrier around the pool area so that the people swimming are not in view of those out of the pool area. Therefore, swimming can only occur where the pool is surrounded by a solid partition, unless it is an emergency situation.

The Village's Fence Law, as written and discriminatorily enforced, substantially burdens the religious exercise of the Hasidic residents of the Village because it is insufficient to satisfy the needs of their religious mandates. The height limitation for fences in particular does not provide adequate barriers to view from outside of a pool area, and serves no rational, legitimate municipal interest beyond invading the residents' privacy in their rear yards.

In light of my representation of the Hasidic residents in the Village on these issues, I expect that each time the Village issues a notice of violation related to the Fence Law or otherwise seeks to enforce its provisions, you will provide me with a copy of the enforcement papers, whether pursuant to FOIL or otherwise. Thank you.

Very truly yours,

Robert S. Rosborough IV

cc: Jeanne Ovensen, Town of Blooming Grove Building Inspector

די בריוו צום ווילעזש פארגאנגענעם זומער איבער די 'פענסינג געזעץ'
וואס האט געשטערט די מחיצות ביי סווימינג פולס









## אנולירט ווײַלעשאַנס קעגן בויען סוכות

ווי עס געדענקט זיך האט געשוועבט א פרישע געפאר אויף אויף דאס בויען און אויפשטעלן סוכות ביי אונז אין געגנט. ב"ה אז אויך דער פרואוו פון די העסליכע עלעמענטן איז דורכגעפאלן דורך די העפטיגע שתדלנות פון די געטרייע קאמיטע צו פארזיכערן אז אונזערע עלעמענטארע רעכטן זאלן נישט באקריוודעט ווערן.

## הערליכע "שאָרטקאַט" פּראָיעקט רענאָווירט לשם ולתפארת

נאך א לענגערע צייט וואס דער וויכטיגער "שארטקאט" וועלכע פארבינדט צווישן די צוויי צענטראלע געגנטער אין בלומינגראוו, האט זיך געפינען אין א נאכגעלאזטע צושטאנד, וואס האט שטארק פארשווערט פאר צענדליגער משפחות און איינוואוינער וועלכע באנוצן זיך דערמיט תמידים כסדרן, איז עס ווידעראמאל געווען די באורד פון "יו. דזשעי.סי." וועלכער האט זיך ארייגעווארפן דאס צו רענאווירן און פאררעכטן לשם ולתפארת.

אינערהאלב דעם קאסטבארן בוי פראיעקט, וואס איז דורכגעפירט געווארן דעם פארלאפענעם ווינטער, איז דער גאנצער גרויסער סטרוקטור פון שטיגן, ווי געענצליך איבערגעפרישט און באפעסטיגט געווארן עס זאל זיך האלטן שטאנדהאפטיג. אין צוגאב איז אינסטאלירט געווארן די נייע האלצערנע דאך צו באשיצן דעם וועג פון רעגן און שניי, און דאס זעלבע איז אהערגעשטעלט געווארן אלע אנדערע איינריכטונגען ווי באלייכטונגען פאר די נעכט א.א.וו.

## גארבידזש פּיקאָפּ

דורכאויס דאס יאר, ווען טייל איינוואוינער האבן זיך עטליכע מאל אנגעשטויסן מיט פראבלעמען מצד די סאניטאציע דערפארטמענט וועלכע האט נישט געוואלט אפנעמען דאס גארבידזש פון געוויסע אדרעסען צוליב זייערע קאפריזן, האבן עס אלע געוואוסט פאר א זעלבסט - פארשטענדליכע דבר פשוט אז מען פארבינדט זיך מיט'ן קאמיטע פון "יו. דזשעי. סי." וואס האט פאקטיש טאקע געברענגט א פאסיגע לעזונג און ב"ה ערמעגליכט אז פון איבעראל זאל אפגענומען ווערן די סאניטאציע און רעסייקלונג, אן מאכן אויסנאמען און איבערלאזן שמוץ פארנט פון אידישע שטובער.

## פירערשאפט אין צייט פון קריזיס

ווען קריזיס האט אטאקירט די חרדי'שע ניו יארק מיט עטליכע חדשים צוריק, לא תקום פעמיים צרה, איז עס הערשט געווען די אנוועזנהייט פון דער "יו. דזשעי. סי." וואס האט כאטש עטוואס געלינדערט די אנגעשטרענגטע לאגע דורך טון דאס מאקסימום צו העלפן און באגלייטן תושבי העיר מיט אלע באדערפענישן און געבן דעם געפיל פון סטאביליטעט, אויך אין אזעלכע צעשאקלטע צייטן.

במשך די גאנצע תקופה האבן די באורד פארטרעטער זיך אקטיוו באטייליגט ביי די טעגליכע "טעלעפאן קאָנפערענצן" מיט דער "קאָוויד 19 טעסק -פאָרס" פון די ארענדזש קאונטי טאונס, ווילעדזשס און עמערדזשענסי דעפארטמענטס, וואו די אידישע מיטגלידער האבן זיך ערווארבן א רעפוטאציע ביי אלע לאקאלע און מוניציפאלע באהערדע אלס אן העכסט אחריות'דיגע און זאכליכע קאמיטע, אויף וועמען מען קען זיך פארלאזן און וועלכע ארבעטן מיט פלייס און טאקט צו ברענגען פאקטישע רעזולטאטן.



"יו. דזשעי.סי." אינטערווענירט צו ערמעגליכן בעסערע סערוויס דורך לאקאלע "סאניטאציע דעפארטמענט" פאר קינדער געבענטשטע פאמיליעס

שוין לאנג וואס תושבי בלומינגראוו באקלאגן זיך אויף די היבש צוריקגעשטאנענע רעגולאציעס פון די היזיגע סאניטאציע אגענטור, וועלכע קלויבן צונויף דאס גארבידזש בלויז איינמאל יעדע וואך, און ערלויבן בלויז איין מיסט קאנע פאר יעדע פאמיליע, סיידן אז מען צאלט צו נאך געלט פאר נאך א קאנע, א זאך וואס טרעפט זייער שווער אָן קינדער געבענטשטע פאמיליעס וועלכע דארפן זיין פארנומען צו ציילן און מעסטן וויפיל "גארבידזש" מען איז ערלויבט צו ארויסלייגן...

איבערהויפט שטייענדיג אין די תקופה, ווען די קינדער געפינען זיך אין שטוב ערב בוקר וצהרים, וואס באדייט אויטאמאטיש אז דער צאל פון מיסט ווערט געדאפלט אין יעדע אידישע שטוב פון אלע מאלצייטן וואס די קינדער עסן געווענליך אין די בניני המוסדות, און דאס קלעקט פארשטענדליך נישט אויף די מאגערע צאל "גארבידזש" וואס די סאניטאציע דעפארטמענט ערלויבט ארויסצולייגן אויף אמאל.

ווירקליך האט מען מיט עטליכע וואכן צוריק געהערט פון מערערע אידישע פאמיליעס וועלכע האבן זיך אנגעשטויסן אין א שטרענגע און אומפארשטענדליכע באנעמונג דורך די סאניטאציע דעפארטמענט וועלכע האט דירעקט איבערגעלאזט פילע הויפנעס מיט "גארבידזש", צעווארפן פארנט פון אידישע שטובער, און האבן זיך אנטזאגט צו נעמען נאך מיסט, נישט ווילנדיג זיך רעכענען מיט די אומשטענדן.

"יו. דזשעי. סי", האט זיך באלד ארייגעווארפן אין די שתדלנות צו לינדערן דעם פראבלעם פון אזויפיל תושבי העיר און ב"ה אז נאך א סעריע פון עפעקטיווע שריט איז ערמעגליכט געווארן צו עטוואס פארלייכטערן די באציאונגען מיט די סאניטאציע דעפארטמענט, וועלכע האט, די פארלאפענע ערב שבועות וואך, פאקטיש געטוישט זייער באנעמונג און שוין געזאמלט געהעריג אלע גארבידזש, אן מאכן אויסנאמען און איבערלאזן שמוץ פארנט פון אידישע שטובער.

פארשטענדליך אז דאס איז דערווייל בלויז א "ישועה פורתא", זינט עס איז פאראן א שטארקע געברויך אז מען זאל מער אפט אפנעמען דאס "גארבידזש", ווי עס איז איינגעשטעלט אין אלע אידישע געגנטער, ווי עס איז פאראן א פריינטליכע אדמיניסטראציע.

גלייכצייטיג איז וויכטיג צו אויפמערזאם מאכן דעם ציבור, איבער א וויכטיגע ביטע פון די קאוד אינפארסמענט באאמטע בנוגע 'באלק גארבעדזש'. אז עס ווערט ערלויבט בלויז איין באלק גארבעדזש פער וואך. ווי זיי זאגן וועט מען אויפנעמען אלע גארבעדזש וואס ליגט ביי די קענס, און איינס באלק גארבעדזש.

די שלוחי הציבור פון "יו. דזשעי. סי." זענען ווייטער פארטון אין שדתלנות אין דעם געביט, און מען האפט אז בקרוב, מיט אן אלגעמיינע טויש אין די גאנצע אדמינסטראציע בעז"ה, וועט אויך קענען צושטאנד קומען א פאזיטיוון טויש אין דעם געביט פון גארבידזש, צווישן אלע אנדערע וויכטיגע אישוס וועלכע דארפן געלעזט ווערן, פאר די הרחבת הדעת און תועלת פון אלע תושבי עירינו.

די קאוד אינפארסמענט אינספעקטער, און די פאליציי פאלגן נאך די ארבעט פון די סאניטאציע

8 | יו"ט שבועות תש"פ | שטימע









## חלוקה פעקלעך פון מוסדות התורה

אין יעדן הינזיכט האט זיך ארויסגעצייגט דאס שיינקייט און וויכטיגקייט פון האבן אזא געטרייע און אחריות'דיגע פארטערשאפט, אין שפיץ פון די צרכי הכלל והפרט דא אין שטאט. צווישן אנדערע האט ארויסגעשיינט דאס מסדר זיין די "חלוקה לאקאציעס" פאר דאס עסן פון אלע מוסדות התורה; אן ערשיינונג וואס האט אנגעהאלטן במשך לאנגע וואכן מיט א געוואלדיגע פונקטליכקייט און א געניטן סדר, און האט ווירקליך פארשפאָרט פאר די היזיגע איינוואוינער'ס די לאנגע רייזעס צו די קרית יואל'ער חלוקה לאקאציעס, בתשואות חן.

## וואונדערליכע "מעגא פסח פראגראם"

אין יענע שווערע כאאטישע טעג, ווען צעמישעניש און פארלוירנקייט האט געהערשט אומעטום, האבן אבער די געטרייע שלוחי הציבור ווידער געהאט דעם "קאפ אויף דער פלייצע" מיט אן אמת'ע ברודערליכע מיטגעפיל ביים ארגאנזשירן דעם ריזיגן "מעגא פסח פראגראם" וואס האט געשפארט פאר קינדער געבענטשטע פאמיליעס, הונדערטער דאללארן, מיט אזא תשואות חן און מיט אזא דרך כבוד עד להפליא.

עס איז געווען ממש צום שטוינען וויאזוי די הונדערטער גראסערי פראדוקטן לכבוד יום טוב זענען פארטיילט געווארן פאר שטוינענד ביליגע פרייזן, און וויאזוי ס'איז ארגאנזשירט געווארן דיסקאונט פרייזן אויף ציצית און טליתים, און א ספעציעלע סעלעקשאן פון



מערערע אינטערסאנטע און באלערנדע הגדות, אידישע קאמיקס ביכער, און אידישע געימס צו האלטן די קינדער פארנומען מיט ערליכע ליין מאטריאל און שפילעריי, אלעס פאר די ביליגסטע הנחות און פרייזן וואס איז נישט דא צו באקומען אין ערגעץ.

איבערהויפט איז באוואונדערט געווארן דורך אלעמען די געניטע קאארדינאציע וויאזוי דער פראגראם איז איינגעשטעלט און דורכגעפירט געווארן, ווען יעדע דעטאל האט געקלאפט, אנגעהויבן פון אריינגעבן די אפליקאציעס ביז ווען די פילצאליגע "ארדערס" זענען פארטיילט געווארן, שיין סארטירט און אהערגעשטעלט.




עס איז געווען א ערשטמאליגער אינטערנעמונג, אבער שטארק סוקסעספול, א זאך וואס מ'וואלט נישט געקענט פאראויסזאגן, כל דכפין ייתי ויאכל, כל דצריך ייתי ויפסח.

## קידוש ה' ביי "פוד בענק" עסן פארטיילונגען

אין א געניאלן אונטערנעמונג האט די "יו. דזשעי.סי." דורכגעפירט דעם "פוד בענק" פארטיילונג פאר אונזערע שכינים אין דעם ווילעדזש און סאוט בלומינגראוו, וואס האט ב"ה אפגעקלינגען נאנט און ווייט מיט א זעלטענעם השפעה לטובה. מען האט געזען אויף אלע גאסן וויאזוי נישט - אידישע שכינים פרייען זיך צו די "יו. דזשעי. סי". עסקנים און נעמען אפ זייערע אנגעפולטע באקסעס מיט אן אפענע הכרת הטוב און שעצונג.

און דער אפרוף איז טאקע געווען אומגעהויער, ווען פון אלע זייטן האבן געפלייצט די קאמענטארן און באגריסונגען דורך צופרידענע בלומינגראווער איינוואוינער, וועלכע האבן פארשטאנען און גוט געשפירט אז מיר אידן זענען חלילה נישט דא זיי צו ענג מאכן אדער שטערן, פארקערט, מיר ווילן לעבן אין הארמאניע, פרידליך און רואיג, מיט א פריינטליכע קעגנזייטיגע צוזאמלעבן.

## שריפת חמץ דרייוו טרו

אויך אין ברען פון דעם אנגעשטרענגטן "קאוויד 19-" קריזיס האבן אידן אין בלומינגראוו געקענט מקיים זיין די מצוה חביבה מיט'ן גרעסטן הידור, רואיגקייט און זיכערקייט, אדאנק די שלוחי הציבור, וועלכע האבן ערמעגליכט דעם "דרייוו - טרו" שריפת חמץ, און אוועקגעגעבן די אנגעשטרענגטע "ערב פסח" צייט צו באגלייטן די גאנצע אפעראציע מיט אחריות און ערפאלג.

## סוקסעספולע "זומער דעי קעמפ"

א הערליכע רינגעלע אין די פעולות פון "יו. דזשעי. סי." איז געווען דאס אהערשטעלן און אנפירן דעם "זומער דעי קעמפ" פאר די אריבער 100 גליקליכע קינדערלעך פון די "פרי סקול קלאסן" וואס איז אריבער מיט א געוואלדיגע הצלחה, און איז געווען א העכסט געניאלע און געוואונטשענע שריט וואס האט אויסטערליש פארלייכטערט פאר תושבי בלומינגראוו.

באזונדער איז באגריסט געווארן די געלונגענע שטאב פון טאלאנטפולע לערערינס, די אויסנאמליכע רייכע אקטיוועטעטן און אינהאלטספולע אונטערהאלטונגען און די פונקטליכע טיר - צו - טיר טראנספארטאציע - מיט אן ערשט - קלאַסיגע סערוויס צו אלעמענס צופרידנהייט.





מ'גרייט צו צום גרויסארטיגן מעגא פסח פראגראם אין הויף פונעם זמיגראדער ביהמ"ד







## וועכנטליכע פרוכט און גרינצייג פארטיילונגען

שוין עטליכע וואכן וואס "יו. דזשעי. סי". פארטיילט וועכנטליך גרויסע קוואנטומען פון געשמאקע פרוכט און גרינצייג, און צומאל אויך אנדערע נארהאפטיגע פראדוקטן, להחיות בהם נפש כל חי.

די פארטיילונגען איז צושטאנד געקומען דורך א שטאטישע "גרענט" וואס איז געווידמעט צו העלפן פאמיליעס מיט די נויטיגע עסנווארג. אין נאמען פון תושבי בלומינגראוו דארף מען טאקע באדאנקען העסקן הנמרץ הרה"ח ר' שמעון ישראל פאזען הי"ו, וואס העלפט ארויס דעם ציבור מיט דעם פראיעקט, ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה ולברכה, און עס זאל זיין לע"נ אביו הרה"ח ר' אברהם יעקב ב"ר פנחס יהודה ז"ל, ולע"נ הרה"ק ר' ישעי' ב"ר משה זי"ע.

## א רואיגער זומער – אָן קיין "ווייעלעישאנס" און געלט שטראפן!

יעדער געדענקט פון די פארלאפענע יארן, וויפיל צער און עגמת נפש אידן אין בלומינגראוו האבן געליטן אין דעם זומער סעזאן פון די נאכאנאנדיגע שיקאנירונגען אויף אידישע פראפערטיס, אבער געלויבט השי"ת, אז דעם פארלאפענעם זומער, זענען מיר אלע דאנקבאר פאר די געוואונטשענע פעולות דורך די שתדלני הציבור צו פארמיידן סיי וועלכע "ווייעלעישענס" און קנסות.

מען האט ב"ה גענאסן פון א פארהעלטנסמעסיג רואיגע אטמאספערע אדאנק די געניטע ארבעט פון "יו. דזשעי. סי." און מען נישט געהערט פון קיין געלט שטראפן אויף אזעלכע מינדערוויכטיגע "פארלעצונגען" ווי מחיצות אויף די "שווים באסיינען" אדער לאזן די גראז וואקסן א טאג מער ווי ערלויבט, פון וואס מען פלעגט ליידן יאר יערליך.

דאס זעלבע האט דער ציבור געוויס אנגעמערקט אז לעצטנס איז ב"ה פארהאן א פאזיטיווע דערלייכטערונג אין טרעפיק אינפארסירונג אויף די לאקאלע ראודס, וועו עס האט זיך כמעט ווי אפגעשטעלט די פלאג פון "סעלעקטיוו אינפארסירונג", וואס פלעגט צילן דירעקט אידישע דרייווערס מיט אומ׳יושר׳דיגע טיקעטס. דאס איז געקומען צו אַן אפשטעל אדאנק די נויטיגע אינטערווענץ מיט די ריכטיגע באאמטע, וד"ל, ואכמ"ל.

ווירקליך לאזט זיך עס גארנישט שאַצן וויפיל געלט דאס האט ב"ה איינגעשפארט פאר די איינוואוינער, מיט א פאראייניגטן פראנט און א קאלעקטיוו שטימע פאר אלע צרכי העיר וואס ברענגט קאנקרעטע רעזולטאטן בעבר, בהוה ובעתיד.

## סקול טראנספארטאציע אפליקאציע דרייוו

צום נייעם יאר הבעל"ט האט "יו. דזשעי. סי." ב"ה באוויזן צו ברענגען דאָס מאקסימום צוגענגליכע, ביליגע און באקוועמע "טראַנספּאָרטאַציע" פאר אלע הונדערטער קינדער בליעה"ר פון די מוסדות התורה אין קרית יואל.

די שתדלני הכלל האבן לאנגע וואכן עוסק געווען איבערמידליך אין דעם הענכסט געלונגענעם "אפליקאציע דרייוו" וואס האט ענדגילטיג געדאפלט די צאל פון איינגעשריבענע קינדער, צו פארזיכערן אז קיינער פאלט נישט ארויס און אז יעדע פאמיליע ערהאלט זייער ערליך - פארדינטע טראנספארטאציע פאנדינג, און דאס זעלבע ערמעגליכן אלע סערוויסעס אויך פאר זונטאג און חגאות, פאר צוגענגליכע פרייזן, וואס איז ב"ה געקרוינט געווארן מיט אויסטערלישע ערפאלג.




## טראנספארטאציע אין די זומער חדשים

די טעמע פון טראנספארטאציע פאר דעם זומער סעזאן העעל"ט, איז געווען פון די שווערסטע און פון די מערסט דעליקאטע פראיעקטן, אין וועלכע די געטרייע שתדלני הציבור

האבן אינוועסטירט פילע טעג און וואכן בלי גוזמא, ווען מען האט נישט איבערגעלאזט קיין גאנץ שטיינדל אויפ'ן וועג צו טרעפן א מהלך וואס זאל זיין געאייגנט פאר אלע עלטערן פון אלע מוסדות התורה, אבער צום באדויערן איז דאס ענדגילטיג נישט מעגליך געווען צו צושטאנד קומען.

די "יו. דזשעי. סי." אלס די שירעם ארגאניזאציע וואס ארבעט דירעקט פאר "אלע" תושבי העיר צוגלייך, האט במשך די גאנצע צייט, פון לאנגע וואכן שתדלנות און ארבעט, זיך קאנצענטרירט און פאקוסירט מיט א דגוש אז עס זאל צוגעשטעלט ווערן א כלליות'דיגער פלאן, וואס וועט קענען "דעקן" אלע ראוטס פון "אלע" מוסדות התורה, כדי אז קיינער זאל חלילה נישט באקריוודעט ווערן, און עס זאל נישט זיין קיין פארצוג פאר איין מוסד אדער משפחה איבער אן אנדערע.

פון די ערשטע מינוט האט מען געוואוסט אז זייענדיג שלוחים "פונעם גאנצן כלל", קען די "יו. דזשעי. סי." ארבעט בלויז אויף א מהלך "פאר'ן גאנצן כלל", און דערפאר האט מען טאקע אריינגעלייגט איבערמידליכע קרעפטן, מיט אלע ערליי סארט שתדלנות אויף יעדן פראנט, און דורך לענגערע זיצונגען מיט מערערע באס פירמעס, צושטאנד צו ברענגען א פאסיגע טראנספארטאציע פלאן וואס זאל באדינען אלע תושבי העיר צוגלייך, אָן קיין אויסנאמען פון קיין יארגענג, פון קיין איינוואוינער און פון קיין מוסד.

ווען מען האט ענדליך טאקע דערגרייכט אזא אפציע איז דאס אבער, צום באדויערן, געקומען מיט אן אויסטערליש קאסטבאערע פרייז, וואס תושבי העיר האבן נישט געקענט נאכקומען, און אזוי ארום איז מען געווען געצווינגען זיך צו ארויסציען פון דעם פלאן טראץ די אויסטערלישע אינטערוועניץ און שתדלנות וואס מען האט שוין אריינגעלייגט דערינען.

זאל טאקע באגריסט ווערן די שיינקייט פון בלומינגראוו, ווען





נאכדעם וואס "יו. דזשעי. סי." האט, זייענדיג א "כח הציבור" פאר דער גאנצער שטאט נישט געקענט צושטעלן טיילווייזע ראוטס בלויז פאר סעלעקטירטע מוסדות, זענען עס געווען גוטהאַרציגע איינוואוינער וועלכע האבן מסדר געווען עטליכע ראוטס פאר די לעכטיגע תשב"ר פון טייל מוסדות התורה.

מען איז זייער דאנקבאר פאר די וואוילטעטיגע אידן וועלכע האבן, יעדער אויף זיין שטייגער, ארויסגעהאלפן צו ערמעגליכן כאטש עטליכע "באס רוטס" אויף א קלענערן פארנעם, צווישן זיי מוה"ר יואל מויזקאפף הי"ו, מוה"ר יואל פעלדמאן הי"ו, מוה"ר ישעי' הירש הי"ו, מוה"ר שמואל דייטש הי"ו הר"ר אהרן שלמה מארגענשטערן הי"ו, מוה"ר אהרן יואל ראלניצקי הי"ו, און נאך און נאך חשוב'ע תושבי העיר וואס האבן שווער געארבעט ארויסצוהעלפן מיטן פירן די קינדער אין די מוסדות, און מסדר זיין די פריוואטע ראוטס, באזונדער געטרייע עסקנים מטעם מוסדות בני יואל, וואס האבן ווי באריכטעט באוויזן - בנדבת נדבן חשוב מתושבי העיר, צו קויפן א באס וואס זאל טראנספארטירן די קינדער פון די בלומינגראוו געגענט. כולם יתברכו לטובה ולברכה.

ישלם ה' פעלם ותהי משכורתם שלימה מעם ה' אלקי ישראל.

## אלה וכאלה יוסף עמנו

אט דאס אלעס איז ווירקליך בלויז "פרטים" אין דעם גרויסן "כלל", די פעלזן - פעסטע פאראייניגטע כח פון תושבי העיר, וואס איז פועל גדולות ונצורות אין יעדן הינזיכט. בלויז בשעת די שורות ווערן געשריבן איז אויפ'ן וועג א רייע פון אקטיווע שריט וועלכע וועלן בעז"ה גינסטיג עפעקטירן אלע שטאט איינוואוינער מיד ולדורות.

א קלאסישע ביישפיל איז די טעמע פון די "חברה הצלה", וועלכע האט ביז נישט לאנג צוריק געליטן פון כסדר'דיגע שוועריגקייטן, די דורך פיינטליכע באהערדער וואס האט זיך ליידער אפגערופן אויף אומצאליגע פעלער און עס האט געפאדערט זייער וויכטיג א טויש אויף למעשה.

די באורד מיטגלידער האבן שוין פאקטיש אויפגעטון גדולות ונצורות צו טוישן די גאנצע אטמאספערע. מען איז געזיצן אויף מיטינגען מיט אלע



עמערדזשענסי פראפעסיאנאלן פון דער ווילעדזש און מען אנגעקניפט גוטע קשרים צו ברענגען א תועלת פאר אלעמען.

אין צוגאב זעצט פאר די אקטיווע פלענער און שתדלנות דורך דעם באורד צו איינרישן דעם לאקאלן גאראדזש פאר א הצלה אמבולאנס וואס דער נחיצות דערפון איז אומבאשרייבליך. ווי שוין אויספירליך געמאלדן צווישן די שפאלטענעס פון דער "בלומינגראוו שטימע" אין דער פארגאנגענהייט.

דאס זעלבע איז "יו. דזשעי. סי." עוסק צו איינשטעלן דעם סאפיסטיקירטן "חברה הצלה" ראדיא סיסטעם, צווישן קרית יואל און בלומינגראוו צו פארזיכערן לעבנס - וויכטיגע קלארע קאמיוניקאציע על כל צרה שלא תבא , מיט א קאסטבארע טעכנאלאגישע דורכברוך לטובת העיר.




און ועל כולם זעצט פאר די העפטיגע שתדלנות אויף א רייע פראנטן, צו צוריק באנייען דעם "בלומינגראָוו שאָטל באס", וואס איז אזוי העסליך פארשלאסן געווארן, מען איז ווייטער אקטיוו אויף אלע פראנטן פון לעגאלע, געזעצליכע און טעכנישע אקטיוועטעטן מען זאל שוין בקרוב קענען אנהויבן צו אַפּערירן אָן די ענדלאזע שיקאנירונגען און אינטריגעס.

שריט פון דעם באורד, וואס זענען בסך הכל די פארטרעטער פון אונז אלע. אָן קיין היציגע לופט, אָן קיין שווערע געפילן, מיט א רואיגקייט און מיט א פאראייניגקייט, כולנו כאחד למען עתיד עירינו לשם ולתפארת.

די אחדות'דיגע אטמאספערע און די פאראייניגטע שטימונג וואס "יו. דזשעי.סי." האט אריינגעברענגט ביי אונז אין געגנט, גיט פאר יעדן דעם אמת'ן געפיל אז ס'איז נישט קיין איינזייטיגע קהלה אדער א גרויסהאלטערישע "וועד" וואס ציעט די פעדימער באזירט אויף שמאלע אינטערעסן פון "קהל" אדער פון די "עסקנים"... נאר פונקט קאפויער, ס'איז "איך", ס'איז "דיך", ס'איז "אונז אלע" וואס פארמירן דעם סטרוקטור פון דער נאבעלער ארגאניזאציע. ס'איז א געשמאקע און אחריות'דיגע שכינות'דיגע פאראיין, פון שכינים וידידים, פון אלע סארטן און אלע קרייזן, וואס ווילן דעם זעלבן תכלית: לעבן רואיג און צופרידן און מגדל זיין אונזערע קינדער מיט הרחבת הדעת.

**דער צוקונפט פון בלומינגראוו איז היינט פאר יעדן קלאר, אז אלעס איז צו פארדאנקן דעם הערליכן באחדות'דיגן כח, זייענדיג א נאבעלער קידוש שם שמים און א פלא וואס ווערט באוואונדערט דורך די גאנצע אידישע וועלט, וויאזוי מען לעבט אזוי שיין אלעס אינאיינעם, און וויאזוי יעדער איינוואוינער האט כסדר הנאה במישרין ובעיקיפין פון דעם געוואלדיגן כח הציבור, וואס וועט האפענטליך נאכמער פארשטארקערט ווערן מיט'ן כח פון אחדות און מיט די פאראייניגטע אחריות פון אונז אלע.**

ווען מען קוקט צוריק צו דעם ערשטן יאר אנגעפולט מיט אזויפיל הצלחה, אזויפיל סייעתא דשמיא און אזויפיל ברודערליכע אחדות מיט קעגנזייטיגע פאראייניגטע כוחות דורך אלע תושבי העיר ביינעזאם, הייבט זיך אויף די הענט צום הימל מיט א לויב געזאנג צו השי"ת, עד הנה עזרוני רחמך, מיט א געבעט אויף ווייטער אז מען זאל ווייטער מצליח זיין צו העלפן און גרינגער מאכן פאר'ן כלל און פאר'ן פרט און צו נאכמער מוסיף והולך זיין לעשות חיל למענינו, למען דורותינו, עד ביאת הגואל!

◆ ◆ ◆

צום שלוס פונעם ארטיקל איז וויכטיג צו באמערקן א אינטרעסאנטע נייעס פון אינערהאלב די יו.זשעי.סי. אז מ'גרייט זיך אויף וואלן... צו קלויבן ערוויילטע באורד מעמבערס פאר די יו. דזשעי .סי. צו פארזיכערן אז די ארגעניזאציע פארבלייבט נכסי ציבור בעז"ה און דינט די ריכטיגע צוועק לטובת הציבור, בצדק וביושר, לויט'ן פלאן וועט עס אי"ה פארקומען קומענדיגע אנהויב ווינטער הבעל"ט, מער פרטים וועלן נאכפאלגן נענטער צו די באשטימטע זמן בעזהשי"ת,

**ובשם ה' נעשה ונצליח**

## דער שיינער "עבר" און דער לעכטיגער "עתיד"

ויקם השדה תקומה היתה לה! שוין א גאנץ קיילעכיג יאר וואס אונזער געגנט בלומינגראוו האט ב"ה אויפגעלעבט אויף אזא שיינעם פאראייניגטן פארנעם, מיט די נאבעלע פעולות למען הכלל והפרט, וואס גיט פאר אונז אלע תושבי העיר, א רואיגן, א פרעכטיגן און א קראנטן עתיד, מיט די ריכטיגע ערנסטקייט, געטריישאפט און תורה'דיגע הוראה פאר א בעסערן צוקונפט פון וואוקס און שטאנדהאפטיגקייט בסייעתא דשמיא.

**אצינד, שטייענדיג א יאר שפעטער, זענען מיר תושבי העיר ב"ה שוין "איינגעוואוינט", און עס איז שוין ווי א חלק פון דער רוטין אז ביי יעדע גרעסערע און קלענערע פראבלעם וואס זאל נישט פאסירן, איבער סיי וועלכע לעגאלע אדער טעכנישע טעמע, ווייסט מען באלד אז יא, ס'איז ב"ה פארהאן אן אדרעסע, ס'זענען דא אונזערע געטרייע שלוחים, וואס וועלן טון אלעס אויף דער וועלט צו העלפן, צו באגלייטן און צו פארזיכערן אז יעדער יחיד און דער גאנצער ציבור באקומט זייערע נויטיגע און בארעכטיגטע געברויכן און באדערפענישן, אויפ'ן שענסטן פארנעם.**

במשך דאס לעצטע יאר האט איינמאל און נאכאמאל זיך געשפירט אז ס'איז א נייע עפאכע אין בלומינגראוו, וואו יעדער איינציגער איינוואוינער איז א גלייכער שותף אין יעדע באשלוס און אין יעדע

# סטעיט סענאטאר דזשעמיס סקאָופיס אגיטירט צו צוימען אידישע וואוקס אין בלומינגראָוו אומגעגנט

## סקאופיס רופט צו פרעזערווירן לאַנד אויפ'ן חשבון פון טעקס געלטער און איינשטעלן א "וואָרד סיסטעם" אין סקול באורד סיסטעם, דערמיט צו דראסטיש מינומיזירן דעם איינפלוס פון אידישע איינוואוינער

לאקאלע מידיא אגענטורן האבן מיט געציילטע וואכן צוריק געוואוסט צו דערציילן אז סטעיט סענאטער דזשעמיס סקאופיס, שטעלט א העפטיגן ווידערשטאנד צו סיי וועלכע פלענער וואס קען בעניפיטירן חרד'ישע איינאווינער אין דער בלומינגראוו אומגעגנט, מיט דער האפענונג צו איינצוימען דעם בליענדן וואוקס פון היימישע פאמיליעס אין דעם ראיאן.

אין אן אפיציעלן בריוו, אדרעסירט צו דער "סאוט בלומינגראוו ווילעדזש באורד" און "פלענינג באורד", און דאס זעלבע אין אן אינטערוויא דעם פארגאנגענעם דינסטאג, האט סקאופיס אויסגעדרוקט מערערע "זאָרגן" אז די אויסברייטערונג פון דעם געגנט וועט רואינירן דעם כאראקטער פון דעם ווילעדזש.

צווישן אנדערע שטופט סקאופיס פאראויס א 'ביל' וועלכע זאל באשטימען צו פרעזערווירן גרויסע שטחים פון לאנד צו דער אייגנטומערשאפט פון דעם 'טאון', אזוי ארום אז עס זאל נישט קענען געבויעט ווערן קיין הייזער אין דער צוקונפט.

ווען ער איז געפרעגט געווארן פארוואס א סטעיט סענאטאר שפירט פאר וויכטיג זיך צו ארייננמישן אין פריוואטע האוזינג אנגעלעגנהייטן פון א מוניציפאליטעט האט סקאופיס רעאגירט אז ער "האט שוין לאנג געשפירט אלס זיין פאראנטווארטליכקייט צו טון מער ווי בלויז דורכפירן א ביל. אויב זעה איך עפעס שעדליך פאר די איינוואוינער וועמען איך טו רעפרעזענטירן, דאן וועל איך ארויס פון מיין וועג פאר די קאמיוניטי".

סקאופיס וויל אז דער טאון זאל פרעזערווירן לאנד, וואס וועט פארמיידן אז דער אומגעגנט זאל ווערן באוואוינט. די גרויסע קאסטן צו דורכפירן אזא פראיעקט פון אויסקויפן אזויפיל שטח, וועט צעטיילט ווערן צווישן די איינוואוינער פון בלומינגראוו, די שטייער צאלער וועלן דאס דארפן פינאנצירן דורך דעם וואס מען וועט צולייגן א פרישע העכערונג אויף די טעקס.

### די געפאר פון אזא פארשלאג צו אפהאלטן פרישע בוי פראיעקטן למען עתיד העיר

ווי עס האט זיך ארויסגעשטעלט אינעם עבר, און עס איז זעלבסטפארשטענליך אז אויב ח"ו זאל מען בלאקירן ריזיגע שטחים פון צו קענען בויען דערויף ברענגט דאס פונקט די פארקערטע, אז ווען די באפעלקערונג צעוואקסט זיך און ס'איז נישטא קיין דירות ברענגט דאס ארויף די פרייז און די קוואליטעט..

יעדער בר דעת פארשטייט אז א אידישע געגנט מיט קינדער געבענטשטע פאמיליעס דארף האבן די מעגליכקייט און די ערלויבעניש זיך צו אויסברייטערן בעז"ה אויף לאנגע יארן. די פאמיליעס וואקסן בליעה"ר און עלטערן מאכן חתונה קינדער, וואס אודאי וויל מען אז די קינדער זאלן בלייבן וואוינען נאנט אין דער זעלבער געגנט.

אויב איז חלילה נישט פארהאן קיין פאטענציעל צו בויען פרישע דעוועלאפמענטס וואס זאל אקאמאדירן די פרישע פארפעלקער און די הונדערטער משפחות וואס באזעצן זיך אין א געגנט, דאן איז דאס א דירעקטער גורם אז קוואליטעט פון הייזער זאל פאלן און פרייזן זאלן דראמאטיש ארויפגיין.

דאס קריטישע וויכטיגקייט און געברויך פון האבן ערלויבעניש פאר גענוג שטח צו בויען דערויף ברייטע און צוגענגליכע דעוועלאפמענטס זעהט מען צום באדויערן בחוש אין די עקזיסטירענדע אידישע געגנטער, אפילו דא אין אפסטעיט, אז צוליב דעם וואס מען איז האט נישט די מעגליכקייט צו בויען אויף נאך שטחים, טרייבט דאס צו בויען הויכע שטאקן, מיט שוואכע קוואליטעט צעשטיפטע הייזער פאר טייערע פרייזן, ווייל דער פארלאנג איז גרויס און מענטשן זענען גרייט צו וואוינען אפילו אין אזעלכע אוממענטשליכע אומשטענדן און נאך צאלן גרויס געלט דערפאר, ועי"ז ידוו כל הדווים.

ווילאנג מען האט די מעגליכקייט צו בויען "אין דער ברייט", מיט א רחבות און א אידישע ברייטקייט, דאן איז נישטא קיין פארלאנג צו וואוינען "אין דער הויעך", צעשטיפט און צעדרוקט פאר קאסטבארע רענט אדער מארגעדזש פרייזן, אבער אויב וועט ח"ו

אריבערגיין די פלענער פון די העצער'ס, צו פרעזערווירן לאנד אז מען זאל נישט קענען בויען קיין פרישע רחבות'דיגע דירות אין דער געגנט, באדייט דאס אויטאמאטיש א ברענענדיגער מאנגל אין הייזער, אין דער גאר נאנטער צוקונפט, מיט ווייניג פראפערטי וואו מען קען יא וואוינען, און מיט שטייגענדע פרייזן פאר קליינע דירות, וואס די קאנסקעווענצן דערפון קען קיינער נישט פאראויסזאגן פאר דער עתיד פון אונזער געגנט. היל"ת.

## רופן פאר אומ'יושר'דיגע סקול באורד טוישונגען

באזונדער וויל סקאופיס איינפירן אז דער "סקול באורד" פון דעם "וואשינגטאן וויל סקול דיסטריקט" זאל אפערירן דורך א "ווארד סיסטעם", וואס באדייט אז יעדע געגנט איינערהאלב דעם דיסטריקט פארמאגט די זעלבע אייניגע רעכט און פארטרעטערשאפט אינעם "סקול באורד", אפגעזען וויפיל איינוואוינער עס וואוינען אין יעדע געגנט, און נישט קוקנדיג אויף די ציפערן פון די שטייער - צאָלער וועלכע דארפן יושר'דיג צו ווערן פארטרעטן אינעם באורד.

מערקווערדיג, אבער בהחלט נישט איבערראשענד, איז דער פאקט אז סקאופיס האט אריינגעגעבן דעם פארלאנג אז מען זאל דורכפירן אזא סארט סיסטעם, בלויז אין צוויי דיסטריקטס: דער "וואשינגטאן וויל" דיסטריקט, און די "טשעסטער" דיסטריקט. וואס צילט דירעקט צו אפשוואכן און באגרעניצן דעם איינפלוס פון די "חסידים", וועלכע ברייטערן זיך ב"ה אויס אין אט די צוויי דיסטריקטס מיט שטייגענדע ציפערן בליעה"ר, אז זיי זאלן נישט קענען געניסן פון זייערע בארעכטיגטע בעניפיטן אדער פראגראמען, טראץ זייער שנעלע וואוקס.

**אתם אומרים פן ירבה, ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ.**


United Jewish Community

★ ★ ★ Est. 2019 ★ ★ ★

of Blooming Grove

# United Jewish Community of Blooming Grove

*Mailing address:* PO Box 808 Monroe, NY 10949 • *Hotline:* 845-237-4828 • *Email:* Info@UJCofBloomingGrove.org

**Isaac Eckstein**
*Board Chairman*

**Joel Stern**
*Board Representative*

**Robert S. Rosborough IV**
*Board Counsel*

**Joseph Weinberger**
*Finance / Fundraising*

**Abraham Weiss**
**Chaim Gluck**
**David Krausz**
**Hershel Lowy**
**Mordche Holtzer**
**Moshe Halpern**
**Shia Bitman**
*Board members*

בס"ד

פרשת כי תבא תש"פ לפ"ק

**באסעס אפדעיט!**

**פרייזן פאר די טעג וואס עס ווערט נישט צוגעשטעלט באסעס דורך די סקול דיסטריקט**

פאלגענד טוען מיר מעלדן די פרייזן פאר טראנספארטאציע אין די טעג וואס עס ווערט נישט געדעקט דורך די סקול דיסטריקט, וואס למען היושר אז עלטערן זאלן נאר באצאלן לויט די סערוויסעס וואס זיי נוצן, איז די פרייז באשטימט געווארן אין דריי באזונדערע קאטעגאריעס ווי פאלגענד:

**חגאות: $15 א קינד, פער חודש**

**זונטאג'ס: $25 א קינד, פער חודש**

(פאר יונגלעך, און מיידלעך וואס גייען אין סקול זונטאג)
**די פרייז איז אין צוגאב צו חגאות.**

**קינדער אינטער 5 יאר: איז $60 א חודש**

**די פרייז איז אין צוגאב צו זונטאג'ס און חגאות**

**די פרייז איז באשטימט צוליב וואס - אין ליכט פון קאוויד - ווערט פארלאנגט דורך די רעגירונג מערערע באסעס פער קינדער, מיר האפן בעז"ה בקרוב צו קענען מאכן טוישינגן וואס וועט אראפברענגען די פרייז**

**די אלע פרייזן זענען פער חודש, ביז'ן קומענדיגן זומער תשפ"א הבעל"ט**

פאלגענד איז א טשארט פון די פרייזן:

| | חגאות | זונטאגס | סך הכל |
|---|---|---|---|
| יונגלעך און מיידלעך וואס גייען אין סקול זונטאג | $15 | $25 | $40 |
| מיידלעך וואס גייען נישט אין סקול זונטאג | $15 | | $15 |

| אינטער 5 יאר | קאסט | חגאות | זונטאגס | סך הכל |
|---|---|---|---|---|
| יונגלעך | $60 | $15 | $25 | $100 |
| מיידלעך | $60 | $15 | | $75 |

**עס איז אריינגעלייגט געווארן וואכן פון שווערע ארבעט צו קענען בעז"ה צושטעלן אחריות'דיגע און פונקטליכע טראנספארטאציע סערוויס, פאר 'אלע' קינדער, פון 'אלע' מוסדות צוגלייך, און מיר קוקן ארויס עס זאל זיך אויסארבעטן על צד היותר טוב צו יעדנ'ס צופרידנהייט!**

**ווי אויך אז די פרייזן זאלן זיין די מערסטע יושר וואס מעגליך, אז יעדער זאל צאלן בלויז פאר די סערוויסעס וואס מען נוצט**

עס איז אויפגענומען העסקן החשוב מוה"ר **שלום יוסף לעווי** הי"ו, אלץ טראנספארטעישן קאארדינעטאר, וואס וועט זיך אפגעבן מיט אויסשטעלן די ראוט'ס, ביללינג און קאלעקשאנס,

**פאר אלע פרטים בנוגע טראנספארטאציע, ווי אויך צו אפלייען און צו צאלן פאר טראנספארטאציע בילס קען מען זיך פארבינדן מיט אים פערזענליך אויף:** 845-237-4828 **עקסט. 7,**
**אזוי אויך קען מען שיקן א אימעיל צו** Buses@UJCofBloomingGrove.org

והשי"ת ישמור צאתינו ובואינו לחיים ולשלום!

מיט שעצונג

**United Jewish Community of Blooming Grove**




# BLOOMING GROVE CLASSIFIEDS בלומינגראוו קלאסיפיידס

## לכו והתפרנסו זה מזה:
## ביזנעסער און סערוויסעס פון בלומינגראוו איינוואוינער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fresh Eggs - Wholesale & Retail<br>Spitzer 845-782-1307 | Schwartz Appliances Repair -<br>(845) 537-0328 | Shaklee Products - S. Weiss<br>845.782.8068 | Jewelry - Unique deals<br>S. Weinstuck (845) 213-0547 |
| On Field Builders Inc.<br>845-200-4149 | Experienced babysitter - willing to move into your house<br>B. Schreiber 845-637-5003 | DrewMe Drawing - E. S. Halpert<br>(845) 866-(DREW) 3729 | Oasis Photography<br>S. Halpern 917.586.8889 |
| Decorative chocolate gift boxes or by the dozen Moshkowitz 845-782-4185 | Babysitting schwartz Forth Worth<br>845-781-7846 | Blinds installation<br>347-581-4051 משה שניצער | Blinds & shades sales & installation<br>Yossi Rosenfeld (347) 672-4929 |
| Haircut & Hairdresser<br>Z. Appel 845-782-4675 | Upstate Aloe-Vera<br>און נאך vitamins, creams, נאטורליכע פראדוקטן<br>845-537-2257 | *Starting now!* Art fantasy for ladies and girls - Sternfeld 845-783-0474 | Allede- Spot Lights instillation<br>Yoel Oberlander 917-418-6474 |
| HK & Cranial<br>L. Weiss 347-570-0827 | Vitamins for Herpes and Strep<br>בדוק ומנוסה Falkowitz 845-783-2841 | The Purity Water Filtering Systems 845.783.6198 | Back to School Haircuts<br>Oppel 20 Arlinton 845 782-4675 |
| Perry's Hairdresser & Sheitel Wash & Set - P. Lowy (845) 783-0596 | Waxing & Electrolysis<br>Jabra 38 Duelk<br>845-637-4071 845-500-9864 | Upscale silk scarves<br>R. Glick 917-474-3356 | Handiman, Shelving & Lights<br>Yoel Kaufman 845-200-1642 |
| Photography - Pic a pose<br>E. Kellner 845-662-5180 | Electrolysis, Waxing & Tinting<br>B.C. Spitzer - 329 Lake Shore DR<br>917.618.2115 - 238.3343 | Mattress all sizes - We Deliver<br>845-662-2941 ישעי' בראך | DrewMe Drawing - E. S. Halpert<br>(845) 866-(DREW) 3729 |
| Playgroup - Mendlowitz<br>(Felberbaum) 845-238-9152 | זמיגראדער קאך - פאר אלע אייערע<br>845-248-6411 שמחות און משקאות | Bakery - Heimisha Challah<br>Duelk 70 - היימישע חלות און מזונות<br>718-435-2760 מאשקאוויטש | "Byldit" Construction<br>Moshe Shie Posen (845) 461-5244<br>Berl Posen (845) 500-1655 |
| Shaklee Vitamins (Shlomo weiss)<br>845.782.8068 | CTI Construction -<br>Just call 845-442-2CTI (284) | דירות פאר שבתים - (פלאץ פאר עטליכע קאפלס) צו פארדינגען 845-248-6411 | Home security systems<br>Joel klein 347.971.2402<br>kleinjoel82@gmail.com |
| HK & Cranial<br>L. Weiss 347-570-0827 | Tax Return - maximum refund -<br>Shimon Yoel Kleinman<br>380 lake shore - 347-699-3453 | Klein's Ice Cream Blooming Grove<br>19 Fort Worth Back door 845-492-5548<br>זונטאג-דאנערשטאג 5:00 -4:00 & 12:00 -11:00 פרייטאג 3:00 -2:00 | Hair Cutting & Hair Styling<br>Chava Miriam Stern 845-604-0238 |

צו אדווערטייזן אייער ביזנעס קלאסיפייד עד בחנם שרייבט צו: BGVoice@UJCofBloomingGrove.org

# ברכת מזל טוב
## לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

הגה"צ ר' **אפרים צבי שמילאוויטש** שליט"א
אב"ד קרעמניץ
לרגל אירוסי נכדו למז"ט

מוה"ר **חיים משה בינער** הי"ו
לרגל הכנסת נכדו לעוהתומ"צ

מוה"ר **יואל אלכסנדר שטערן** הי"ו
לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב

מוה"ר **יואל (בר"ש) אבערלאנדער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **לייבוש ליכטענשטיין** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

מוה"ר **שלום דוב פריעד** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **שמעון גערטנער** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

מוה"ר **ישכר דוב גוטמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **נפתלי משה ווייס** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **יעקב יצחק קעסטענבוים** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **יואל אבערלענדער** הי"ו (שאטעל)
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **מרדכי פעלדמאן** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **שלמה אפרים סאנדעל** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

הרב **שלמה פריעד** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעהתומ"צ

מוה"ר **יואל זילבערשטיין** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **מיכאל שמואל דייטש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **שמואל צבי ווייס** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

מוה"ר **אליעזר ווייס** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **שמואל בנימין הכהן פריעדמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **שלמה יקותיאל הערשקאוויטש** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

מוה"ר **יואל פעלדמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **ישראל שלמה פריעדלענדער** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

מוה"ר **יוסף ברוך רייך** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

מוה"ר **יושע מתתי' גראס** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

מוה"ר **יואל מויזקאפ** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

מוה"ר **יואל סאאל** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

מוה"ר **אברהם קלעפנער** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

מוה"ר **לוי גרינבלאט** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

יזכו לראות רב נחת ושובע שמחות


ש
בעזרת השם יתברך
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה
בשבח והודאה להשי"ת שהחיינו לזמן הזה
מתכבדים אנו להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים
הבחור החתן המופלג בתוי"ש
חיים יחזקאל שרגא הכהן ני"ו
עב"ג הכלה הבתולה המהוללה
גיטל אסתר תחי'
ביום ה' לסדר "ושמחת בכל הטוב אשר נתן לך" (כי תבא)
י"ד אלול שנת תש"פ לפ"ק הבעל"ט ולמספרם Sept. 3
קבלת פנים בשעה 6:00 החופה בשעה 7:00
באולם ויואל משה
590 Bedford Ave, Brooklyn, NY
ידידכם המצפים לקבל פניכם באהבה ובשמחה

| הורי החתן | הורי הכלה |
|---|---|
| יצחק פנחס זעליג הכהן שווארטץ וב"ב | שמואל צבי ווייס וב"ב |
| | בן הרה"ח ר' מרדכי ע"ה |
| קרית יואל יצ"ו | (ברוקלין) בלומינגראוו יצ"ו |

## ברוכים הבאים
## הרחיבו מקום אהלך!

ברוכים הבאים פאר די ערשטע אידישע פאמיליע אין די מאונטען לעידזש געגענט

מוה"ר **אברהם יהושע קליין** הי"ו
יהא בואו לברכה!

עס איז די וואונטש אז די נייע געגענט זאל זיך אויסברייטערן מיט אסאך הצלחה